# וועד חיזוק הדעת־וועד לחיזוק שמירת שבת™

**1303 53rd St. P.M.B. #245 Brooklyn NY 11219**

**(718) 670-7048**

# כי אובד עצות נחנו

כידוע זענען מיר די לעצטע האלבע יאר עוסק אינטער צוברענגן דעם עירוב פין בארא פארק, וואס איז אויפגעשטעלט געווארען און שטייט בניגוד דעת של רוב מנין ובנין של תושבי עירנו ונגד כל גדולי דורנו וכל הרבנים הגאונים שליט״א, און מיר האבן שוין גענוצט דערצו אלע סארט מיטלן, צווישן זיי:

* אויפקלערן דעם עולם אז בארא פארק איז א **רשות הרבים דאורייתא**.
* דורכן עירוב וועט מען נכשל ווערן און קויפן **פיצה** און **צייטונגען** בשב״ק.
* די עירוב וועט ברענגן **פירצות** בחומת הצניעות.
* מיר האבן משתדל געווען ביי בעלי בתים זאלן נישט געבן רשות צונוצען זייער הייזער פארן עירוב.
* מיר האבן משתדל געווען ביי בעלי בתים זאלן הייסן אראפ נעמן פין זייער הויז די עירוב.
* מיר האבן וואכן לאנג צובראכן פארשידענע לחיים פינעם עירוב.
* מיר האבן זיך געווענדן צו הויעכע שטאטישטע פאלאטישענ׳ס זאלן געזעצליך מונע זיין דעם עירוב.
* מיר שרייבן און אלע צייטונגען יעדער וואך מודעות, גרויסע און קליינע, אלטע און נייע, לשה״ק, אידיש, English.
* מיר האבן געלייגט פאשקוולען*) ודברי הסברה און די בתי מדרשים און אין די גאסן.
* מיר האבן וואכן לאנג צוריסן שטריקן פינעם עירוב.
* מיר האבן געדינגען א קאר מיט א מייק זאל ארום פארן אויסרופען אז די עירוב איז פסול.
* מיר האבן מפרסם געווען צעטלעך אז די עירוב איז פסול אויף פארשידענע מקומות, (לפי סדר הפרשיות).
* מיר האבן מפרסם געווען אז די גאנצע עירוב איז געווען פסול פ׳ תצוה וועגן די שווערע שטיקער אייז וואס האבן געהאנגן. (ובתוכם עדות הגה״ק מטאלשווא שליט״א)
* מיר האבן געטוהן פארשידענע פריוואטע שטיקלעך פאר די בעלי המכשירים און די רבני המתירים.
* מיר האבן זיך געווענדן צום עולם בלשון בקשה "טייערע אידען לאזט אייך נישט פארפירען" אפילו עס איז נישט פארבינדען מיט קיין חילול שבת אבער א ספק אדער ספק ספיקא פין חילול שבת איז זיכער פארהאן.
* **מיר האבן צוריסן דעם עירוב** (כלאחר יד) **בליל שב״ק ויקרא פ׳ זכור.**

**דערוויל זעהט מען נאך נישט קיין פירות,**
**אידן זענען ווייטער מטלטל דורכן עירוב בעצם יום השב״ק רח״ל.**

את אחי אנו מבקשים: ווער עס האט נאך עפעס אן עצה אדער א מיטל, ווי אזוי מונע זיין דעם ציבור אדער חאטש א חלק פונעם ציבור פון מטלטל זיין, זאל מוחל זיין דאס פארשלאגן, (דורך א בריוו צום POB 245, אלעס איז שטארק קאנפעדענשיל, מיר דרוקן גארנישט מיט קיין נעמען) און מיר וועלן דאס דן זיין בכובד ראש, מיט אונזערע רבנים מובהקים אמיתיים שליט״א.

## וועד לשמירת שבת

*) מיר שרייבן קיינמאהל נישט קיין פאשקווילען ודברי בזיון נגד די בעלי המכשירים והמתירים, טאמער זעהט אמאהל א צעטל אויס ווי א פאשקעוויל, איז דאס ווייל מיר האבן קיין ברירה נישט געהאט, וההכרח לא יגונה.